ויקהל תשפ"ד
גליון 181

# דעם רבינ'ס ליכט



**אַיֵיעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין**
**וָואס דָא הָאט זִיךְ גִיטָאן** (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

### אַלֵיין אִין לוּפְטְפֶּעלְד

ר׳ בֶּערְל שְׁפַּאצִירְט מִיט זַיין רֶענְצְל אִין עֶירְפָּארְט – אִין אַ רִיזִיגְע לוּפְטְפֶּעלְד. טוֹיזְנְטֶער גוֹיִם לוֹיפְן אַהִין אוּן אַהֶער, ר׳ בֶּערְל הָאט פוּן גְרוֹיס בֶּהָלָה אַרוּם שׁוֹין כִּמְעַט פַארְגֶעסְן וֶוער עֶס אִיז - אַז עֶר הֵייסְט ר׳ בֶּערְל. בַּיי זִיךְ אִין שְׁטָאט, אִיז עֶר - גֶעלוֹיבְּט דֶער פוּן אוֹיבְן אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט זַיינֶע הֵיימִישֶׁע חֲבֵרִים אוּן אִידִישֶׁע שְׁכֵנִים אָבֶּער דָא אוֹיף זַיין נְסִיעָה אִיז עֶר פְּלוּצְלוּנְג בַּאלַאגֶערְט מִיט אַזַאנֶע עֶלֶעמֶענְטְן, זַיי קוּקְן אוֹיס מֶער ווִי צְוֵויי פִיסִיגֶע חַיוֹת וֶועלְכֶע קֶענֶען פַארְצִיקְן זֵייעֶרֶע אַרוּמִיגֶע אֶפְשָׁר טַאקֶע נִישְׁט בְּגַשְׁמִיוּת, ווייל עֶס זֶענֶען דָא פָּאלִיצַיי אוּן וֶועכְטֶערְס אִין לוּפְטְפֶּעלְד, אָבֶער זִיכֶער בְּרוּחָנִיוּת אִיז אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה פַאר ר׳ בֶּערְל צוּפִיל זִיךְ דָארְט אַרוּמְצוּדְרֵייעֶן.

עֶס וֶוערְט לִיכְטִיגֶער ר׳ בֶּערְלְס אוֹיגְן וֶוען עֶר בַּאמֶערְקְט פוּנְדֶערְוַוייטְנְס ווִי עֶס שְׁטֵייעֶן צְוֵויי חַסִידִישֶׁע אִידְן. ר׳ בֶּערְל אָטֶעמְט אַרַיין טִיף, שׁוֹין צְוֵויי שְׁטוּנְדְן וָואס עֶר פַארְבְּרֶענְגְט דָא, אוּן אַט טְרֶעפְט עֶר עֶפֶּעס וָואס זַיין הַארץ בַּאגֶערְט אַזוֹי שְׁטַארְק, אַ הֵיימִישֶׁע פָּנִים, עֶס קוּמְט צוּ נָאךְ אַ אִיד אוּן אַ פֶערְטֶער אִיד, ווִי אַ מִינוּט שְׁפֶּעטֶער שַׁארְן זִיךְ צוּ נָאךְ עֶטְלִיכֶע אוּן נִישְׁט מֶער נִישְׁט וֵוייניגֶער זֵיי הָאבְן צַאמְגֶעשְׁטֶעלְט אַ מִנְיָן אוּן גֶעטְרָאפְן אַ שׁוּלְ׳כְל אִין עֶירְפָּארְט צוּ דַאווֶענֶען מִנְחָה.

דִי נְסִיעָה פוּן ר׳ בֶּערְל הָאט בַּאקוּמֶען גָאר אָן אַנְדֶערֶע בַּאדַייט, נָאכְן זִיךְ אוֹיסְגִיסְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער אַ וַוארִימֶע שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה אִין דֶעם צֶעמִישְׁטְן פַארְקֶער, דוּרְכְאוֹיס זַיין נְסִיעָה הָאט עֶר בַּיי זִיךְ גֶעשְׁפִּירְט ווִי אַן אוֹיבֶערְשְׁטֶע הַאנְט בַּאגְלֵייט אִים טְרִיט בַּיי שְׁרִיט.

משֶׁה רַבֵּינוּ אוּנְזֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט פָּארְאוֹיסְגֶעזֶען ר׳ בֶּערְלְס פְּרָאבְּלֶעם, אוּן דֶער פְּרָאבְּלֶעם פוּן אַלֶע זַיינֶע אִידִישֶׁע בְּרִידֶער דוּרְכְאוֹיס אַלֶע דוֹרוֹת, אַז זֵיי וֶועלְן זִיךְ גֶעפִינֶען אִין גָלוּת צְווִישְׁן דִי גוֹיִם, צְווִישְׁן דִי שְׁלֶענְג אוּן עֶקְדִיסִין, דֶער יֵצֶר הָרָע מִיט זַיינֶע חֶבְרָה וֶועלְכֶע טְרוּקֶענֶען אוֹיס דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִין דִי זַאמְטִיגֶע מִדְבָּרִיּוֹת וואו עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין טְרָאפּ וַואסֶער צוּ דֶערְקְווִיקְן דָאס אִידִישׁ הֶערְצֶעלֶע.

הָאט עֶר גֶעוָואלְט אַז דִי אִידְן זָאלְן זִיךְ קֶענֶען הַאלְטְן אִין דִי אַלֶע לֶענְדֶער, אֲפִילוּ אִין דִי גָאר קַאלְטֶע וַוייטֶע לֶענְדֶער, וֶועלְכֶע זֶענֶען אוֹיךְ זֵייעֶר וַוייט פוּן בַּאשֶׁעפֶער, זָאל מֶען אוֹיךְ דָארְט אִין דִי מִדְבָּרִיּוֹת קֶענֶען מַמְשִׁיךְ

המשך אויף קומענדיגע זייט

המשך פון זייט 1

זַיין דִי קְדוּשָּׁה פוּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, דֶער מִשְׁכָּן. אוּן וְויאַזוֹי טַאקֶע קֶען מֶען הַיינְט אִין גָלוּת צוּרִיקבְּרֶענְגֶען דִי קְדוּשָּׁה? דוּרְךְ דִי שׁוּלְן אוּן בָּתֵּי מִדְרָשִׁים וואוּ אִידְן קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם אוּן מֶען פַארְנֶעמְט זִיךְ מִיט תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה. וַוייל אַלֶע אוּנְזֶערֶע שׁוּלְן אוּן בָּתֵּי מִדְרָשִׁים פַארְמָאגְן אוּן זֶענֶען מַמְשִׁיךְ דִי קְדוּשָּׁה פוּנֶעם מִשְׁכָּן וָואס אִיז גֶעוֶוען סְטַאנְצִיאָנִירְט אִין מִדְבָּר, דֶערִיבֶּער וֶוערְט דָאס אָנְגֶערוּפְן מִשְׁכָּן אַ לָשׁוֹן פוּן הַמְשָׁכָה.

יֶעדֶער אֱמֶת'ער צַדִיק בּוֹיט אַ מִשְׁכָּן וואוּ יֶעדֶער אִיד קֶען דָארְט בַּאהַאלְטְן זַיינֶע נְקֻדּוֹת טוֹבוֹת אוּן דֶער אִידְ'ל אִיז אַ חֵלֶק פוּן דִי שֻׁתָּפוּת, אִינְאֵיינֶעם מִיט אַלֶע אִידְן וֶועלְכֶע פַארְזַאמְלֶען זִיךְ אִין דֶעם קִבּוּץ – אִין דֶעם שׁוּל, אַזוֹי אַרוּם קֶען קַיין שׁוּם מְחַבֵּל אוּן יֵצֶר הָרָע נִישְׁט צוּנֶעמֶען דִי אַיינְגֶעזַאמֶעלְטֶע מִצְוֹות אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים, נָאכְדֶעם וָואס עֶס אִיז גֶעוָוארְן אַרַיינְגֶעזֶעצְט דוּרְכְן אֱמֶת'ן צַדִיק אִינֶעם מִשְׁכָּן פוּן אוּנְזֶערֶע צַייטְן.

דִי אוֹיבֶּערְדֶערְמַאנְטֶע וֶוערְטֶער זָאגְט ר' נָתָן אוּן עֶר אִיז מַמְשִׁיךְ אַז דֶערִיבֶּער דִי וָואךְ וֶוען מֶען לֵיינְט פַּרְשַׁת שְׁקָלִים צוּ דֶערְמַאנֶען דִי אִידְן זָאלְן בְּרֶענְגֶען שְׁקָלִים צוּ בּוֹיעֶן דֶעם מִשְׁכָּן, אוּן אַזוֹי אַרוּם אַרָאפְּבְּרֶענְגֶען דִי קְדוּשָּׁה פוּן דֶער מִשְׁכָּן אוּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ דוּרְךְ אוּנְזֶערֶע שׁוּלְן, אַזוֹי קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה אוּן אָנְהֵייבְּן יֶעדְן טָאג פוּן נַיי מִיט אַ פְּרִישְׁקֵייט.

דֶער עִיקָר נְקוּדָה וָואס ר' נָתָן בְּרֶענְגְט אַרוֹיס אִיז, אַ וִוי נָאר אִיךְ בְּרֶענְג מַיין נְקוּדָה, מַיין נִדְבַת הַלֵּב, אִיךְ הֶעלְף אַרוֹיס בּוֹיעֶן דֶעם מִשְׁכָּן צוּ מִיט מַיין גוּף, אָדֶער מִיט גֶעלְט, רָצוֹן, גוּטֶע ווִילְן, דָאס מֵיינְט יֶעדֶע מִצְוָה'לֶע אוּן יֶעדֶע נְקוּדָה'לֶע וָואס מֶען כַאפְּט אַרוֹיס פוּן אַלֶע צֶעמִישֶׁענִישְׁן אוּן פְּלַאקֶערְדִיגֶע בְּרֶען וָואס עֶס פְּלַאקֶערְט אוֹיף דֶער וֶועלְט, וֶוערְט דָאס אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אִין מִשְׁכָּן אוּן קַיין שׁוּם סִטְרָא אַחֲרָא קֶען דָאס נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן אָדֶער פַארְכַאפְּן וַוייל עֶס אִיז שׁוֹין נִכְלָל אִינֶעם אוֹצָר פוּן בַּאשֶׁעפֶערְס הוֹיז וָואס דָארְט קֶען קַיין פְּרֶעמְדֶער נִישְׁט הָאבְּן קַיין שְׁלִיטָה.

יָא, טַייעֶרֶע אִידְן, ר' נָתָן לָאזְט אוּנְז נִישְׁט וֶוערְן מְיוֹאָשׁ אַז נָאר אַמָאלִיגֶע צַייטְן אִיז גֶעוֶוען אַ מִשְׁכָּן, אַמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אוּן הַיינְט... נֵיין, ר' נָתָן לֶערְנְט אָפּ דִי הַיינְטִיגֶע פַּרְשֶׁה אַז עֶס גֵייט הַיינְטִיגֶע צַייט וַוייטֶער אָן, ר' נָתָן בַּאגֶער אִיז אוּנְז צוּ דֶערְנֶענְטֶערְן צוּ דִי גְאוּלָה, כָאטְשׁ וֶוער קֶען זִיךְ בּוֹחֵר זַיין דִי גְאוּלָה הַפְּרָטִי בְּכֹחַ הַצַדִיקִים אוּן לֶעבְּן אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, דוּרְכְן שֶׁעצְן אוּנְזֶער וֶוערְק, אוּנְזֶערֶע פְּעֻלוֹת, אוּנְזֶער שַׁבָּת טִישׁ, אוּנְזֶער דַאוֶונֶען, דָאס לֶערְנֶען, יֶעדֶע גוּט טַאט, יֶעדֶע דִבּוּר, יֶעדֶע קְנֵייטְשׁ אוּן בֵּייג צוּם גוּטְן וֶוערְט אַרַיינְגֶעפַּאסְט אִין מִשְׁכָּן, מִיר וֶועלְן בְּרֶענְגֶען דִי שְׁקָלִים פַארְן צַדִיק אוּן עֶר וֶועט פּוֹעֶלְ'ן פַאר אוּנְז בַּיים בַּאשֶׁעפֶער אַ גֶעדֶענְקֶענִישׁ אוּן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ לְכַפֵּר עַל נַפְשׁוֹתֵינוּ אוּן דָאס וֶועט זִיכֶער זַיין אַ גוּטֶע הֲכָנָה צוּם יוֹם טוֹב פּוּרִים וָואס אִיז אַ גַאנְג אוּן אַ וֶועג צוּם פֶּסַח הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה.

# איין מעשה'לע



## אָנְלֶערְנֶען דִי בֵּיינֶער

אִיךְ מִיט מַיינֶע חֲבֵרִים לֶערְנֶען אִין אַ חֶבְרָה נָאכְן אַהֵיימְקוּמֶען פוּן חֵדֶר אִין אַ וַוייבֶּער שׁוּל, מֶען זִיצְט אוֹיף בֶּענְקֶעלֶעךְ אוּן מֶען לֶערְנְט פְלַייסִיג. אִין דֶער צַייט וֶוען מִיר לֶערְנֶען קוּמֶען דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער פוּן דִי קְלֶענֶערֶע כִּתּוֹת אוּן שְׁפִּילְן זִיךְ אִין וַוייבֶּער שׁוּל אוּן מַאכְן בַּאלַאגַאנֶען, זֵיי וַוארְפְן בֶּענְקֶעלֶעךְ, אוּן טַאנְצְן אַרוּם נֶעבְּן אוּנְז.

אֵיין טָאג הָאט מַיין חָבֵר וָואס אִיז גֶעזֶעצְן אוֹיף מַיין טִישׁ גֶעזָאגְט: "קוּם לָאמִיר זֵיי אָנְשַׁרַייעֶן אוּן אָנְלֶערְנֶען דִי בֵּיינֶער..."

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעהַאלְטְן בַּיים טוּן לְמַעֲשֶׂה... אָבֶער נָאכְן נֶעמֶען אַ טִיפְן אָטֶעם הָאבּ אִיךְ צוּ מִיר גֶעטְרַאכְט, 'פַארְוָואס זָאל אִיךְ זֵיי שְׁלָאגְן?' אִיךְ הָאבּ טַאקֶע בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם זִיךְ אַיינְגֶעהַאלְטְן אוּן נִישְׁט גֶעהוֹיבְּן קַיין הֶענְט. וֶוען אִיךְ הָאבּ צוּ מִיר גֶעטְרַאכְט פוּן וואוּ אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט דִי כּוֹחוֹת זִיךְ צוּ הַאלְטְן שְׁטַארְק, אִיז מִיר אַרוֹיפְגֶעקוּמֶען אִין גֶעדַאנְק, אַז דָאס אִיז צוּ פַארְדַאנְקְן וַוייל אִיךְ לַיין דֶעם רֶבִּינְ'ס לִיכְט מִיט



דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן צוּ הָאבְּן יִשּׁוּב הַדַּעַת אוּן מֶער טְרַאכְטְן וֶועגְן אֱמֶת'ן תַּכְלִית, דָאס הָאט מִיר צוּגֶעהָאלְפְן זִיךְ אַיינְהַאלְטְן אוּן זֵיי נִישְׁט שְׁלָאגְן.

## דִי בֶּעסְטֶע שְׁלִיסְל

דִי וָואךְ אִיךְ הָאבּ אִיבֶּערְגֶעלָאזְט מַיינֶע תְּפִלִּין אוֹיף עֶפֶּעס אַן אָרְט, וֶוען אִיךְ בִּין עֶס גֶעגַאנְגֶען זוּכְן דָארְט וואוּ אִיךְ הָאבּ עֶס אִיבֶּערְגֶעלָאזְט אִיז דָאס פְּלַאץ גֶעוֶוען פַארְשְׁלָאסְן, קֵיינֶער אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען דָארְט, אִיךְ הָאבּ פְּרוּבִּירְט קְלִינְגֶען דֶעם אוּן יֶענֶעם צוּ טְרֶעפְן אַ שְׁלִיסְל, אָבֶער דֶער וָואס אִיז גֶעשְׁטֶעלְט זִיךְ אָפְּצוּגֶעבְן אוֹיף דֶעם פְּלַאץ אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען צוּ טְרֶעפְן. הָאבּ אִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען אוּן דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַ גֶעדַאנְק אִין קָאפּ אַז דֶער בַּעַל הַבַּיִת פוּן דֶעם הוֹיז וואוֹינְט דָאךְ אִין דֶעם גֶעגְנְט אֶפְשָׁר הָאט עֶר אַ שְׁלִיסְל, אִיךְ הָאבּ טַאקֶע בַּאקוּמֶען דִי שְׁלִיסְלֶעךְ. וֶוען אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען עֶפֶענֶען דִי טִיר אִיז דִי שְׁלִיסְל אִיז גֶעבְּלִיבְּן אִין דִי טִיר פַארְהַאקְט אוּן עֶס גֵייט נִישְׁט אַרַיין אִין נִישְׁט אַרוֹיס, מֶען הָאט פְּרוּבִּירְט הַאקְן אוּן זֶעצְן אָבֶער גָארְנִישְׁט הָאט גֶעהָאלְפְן, דֶער בַּעַל הַבַּיִת פוּנֶעם בִּנְיָן הָאט מִיר צוּרִיקְגֶעבֶּעטְן דִי שְׁלִיסְלֶעךְ, אָבֶער אִיךְ זָאג אִים: "עֶס אִיז אִין טִיר פַארְהַאקְט, אִיךְ קֶען גָארְנִישְׁט טוּן".

אִיךְ הָאבּ גְלַייךְ פַארְשְׁטַאנֶען אַז נָאר תְּפִלָּה קֶען מִיר הֶעלְפְן אוּן דָאס הָאבּ אִיךְ טַאקֶע גֶעטוּן אוּן אָפְּסְס... דִי שְׁלִיסְל דְרֵייט זִיךְ... אִיךְ בִּין אִינֶעם צִימֶער מַיין תְּפִלִּין לִיגְט שׁוֹין אִין מַיין הַאנְט!

וֶוען אִיךְ הָאבּ צוּרִיקְגֶעטְרָאגְן דִי שְׁלִיסְלֶעךְ, הָאט דֶער בַּעַל הַבַּיִת מִיר גֶעזָאגְט: "דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר לִיבּ!".

**יוּדָא'לֶע**

# הֶעלף מִיר שֶׁעפְּן!



נַיין יָאר אִיז אַרִיבֶּער זַייט ר׳ צְבִי אַרְיֵה דֶער זוּן פוּן רֶבִּי אַהֲרֹן – דֶער רַב פוּן בְּרֶסְלֶב הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט, אָבֶּער לֵיידֶער הָאט עֶר נָאכְנִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קִינְדֶער.

אַזוֹי וִוי עֶס הָאט זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּן פַאר דֶער וַוייבּ פוּן ר׳ צְבִי אַרְיֵה אַז זִי הָאט נָאכְנִישְׁט קַיין קִינְדֶער, אִיז זִי גֶעקוּמֶען מִיט אַ גֶעוֵויין צוּ רֶבִּי נָתָן אוּן עֶר הָאט אִיר צוּגֶעזָאגְט אַז אִיר יְשׁוּעָה אִיז זֵייעֶר נָאנְט!

יָאר תקפ"ה אַ קוּרְצֶע צַייט פַאר עֶס הָאט זִיךְ גֶעעֶנְדִיגְט דִי צֶען יָאר פוּן זֵייעֶר חֲתוּנָה, אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן בַּיי זֵיי אִין שְׁטוּבּ אִין אִינְגֶעלֶע! מַזָל טוֹב! מֶען הָאט גֶערוּפְן דָאס קִינְד ׳נַחְמָן׳ – אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳נְס נָאמֶען.

דֶער קְלֵיינֶער נַחְמָן, [שְׁפֶּעטֶערֶע יָארְן, דֶער טְשֶׁערִינֶער רָב] הָאט בַּאקוּמֶען אַ מַתָּנָה פוּן הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, גָאר אַ סְפֶּעצִיעֶלְן זִכָּרוֹן וָואס מַאכְט זִיךְ נִישְׁט גֶעוֶוענְלִיךְ, עֶר הָאט גֶעהַאט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַתְמָדָה, אוּן אַזוֹי אִיז עֶר גֶעזֶעסְן טָאג אוּן נַאכְט אִין גֶעלֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

אֵיין טָאג זַייעֶנְדִיג אַ קִינְד פוּן צֶען יָאר אַלְט, אִיז גֶעקוּמֶען צוּגֵיין אַ פַּארְקוֹיפֶער פוּן סְפָרִים אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ. עֶר שְׁטֶעלְט אוֹיף אַ טִישׁ אוּן לֵייגְט אוֹיס סְפָרִים וָואס שְׁטֵייעֶן צוּם פַארְקוֹיפְן. דֶער קְלֵיינֶער נַחְמָן פַארְטִיפְט זִיךְ אִין אֵיינֶע פוּן דִי הֲלָכָה סְפָרִים, עֶר אִיז אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען דֶעם סֵפֶר פוּן דֶעקְל צוּ דֶעקְל!

עֶר גֵייט צוּ צוּם פַארְקוֹיפֶער, "וִויפִיל קָאסְט דֶער סֵפֶר?!" דֶער מוֹכֵר הָאט אִים גֶעבֶּעטְן גָאר אַ הוֹיכֶע פְּרַייז. הָאט נַחְמָן פְּרוּבִּירְט זִיךְ אַיינְבֶּעטְן עֶר זָאל עֶס פַארְקוֹיפְן פַאר בִּילִיגֶער, אוּן צוּגֶעלֵייגְט: "אִיךְ קֶען שׁוֹין סֵייוִוי דָאס גַאנְצֶע סֵפֶר אוֹיף אוֹיסֶעוֵוייניג, אִיךְ הָאבּ עֶס יֶעצְט דוּרְכְגֶעבְּלִיקְט!"

דֶער פַארְקוֹיפֶער צוּלַאכְט זִיךְ פוּן דִי הַשָּׂגוֹת פוּן דֶעם קְלֵיין אִינְגְל, אָבֶּער צוּ זַיין וואוּנְדֶער, הָאט דָאס קִינְד אִיבֶּערְגֶעזָאגְט אוֹיף אוֹיסֶערְוֵוינִיג אַ לַאנְגֶע תְּשׁוּבָה פוּן דֶעם סֵפֶר וָואס אִיז גֶעוֶוען גֶעשְׁרִיבְּן אוֹיף פוּפְצְן בְּלֶעטֶער אָן אִיבֶּערְצוּהִיפְּן קַיין שׁוּם פְּרַט.

וֶוען זַיין טַאטֶע ר׳ צְבִי אַרְיֵה הָאט דָאס גֶעהֶערְט, הָאט עֶר גוֹזֵר גֶעוֶוען עֶר זָאל דָאס מֶער נִישְׁט טוּן

אַלס חֲשַׁשׁ פוּן אַן 'עַיִן הָרָע'.

די יָארְן וֶוען רֶבִּי נָתָן איז גֶעוֶוען פַּארְטְרִיבְּן אִין שְׁטָאט נֶעמִירוֹב – וֶוען די שְׁטָאט-רַאט הָאבְּן אִים פַּארְטְרִיבְּן פוּן זַיין שְׁטוּב אִין בְּרֶסְלֶב, הָאט ר' צְבִי אַרְיֵה גֶעשִׁיקְט זַיינֶע צְוֵויי זוּן: נַחְמָן, עֶלֶעוְו יָאר אַלְט, אוּן זַיין אִינְגֶערֶע בְּרוּדֶער חַיִּים קַיין נֶעמִירוֹב, זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען תּוֹרָה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם בַּיי רֶבִּי נָתָן. אַזוֹי הָאבְּן די צְוֵויי זוֹכֶה גֶעוֶוען זִיךְ צוּ וַוארִימֶען אוּנְטֶערְן שָׁאטְן פוּן דֶעם גְרוֹיסְן בּוֹים.

נָאךְ די פְּטִירָה פוּן רֶבִּי נָתָן פְלֶעגְט דֶער טְשֶׁעהְרִינֶער רַב אָפְטֶער זֶען רֶבִּי נָתָן אִין חָלוֹם. אֵיינְמָאל הָאט עֶר גֶעזֶען אִין חָלוֹם ווי רֶבִּי נָתָן טְרָאגְט צְוֵויי גָאר גְרוֹיסֶע סְפָרִים אִין זַיינֶע הֶענְט, אוּן רוּפְט זִיךְ אָן צוּם טְשֶׁעהְרִינֶער רַב: "דוּ זֶעסְט?! די סְפָרִים הָאבּ אִיךְ אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן, עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ שְׁלֶעפְּן, אִיךְ דַארְף הָאבְּן אֵיינֶער זָאל מִיר הֶעלְפְן!!

גֶעמֵיינְט הָאט רֶבִּי נָתָן מִיט דֶעם אַז עֶר דַארְף הִילְף, מֶען זָאל מְפָרֵשׁ זַיין אוּן מְבָאֵר זַיין זַיינֶע סְפָרִים.

עֶר הָאט פוּן דַאן גֶענוּמֶען אוֹיף זִיךְ צוּ מְשַׁמֵּשׁ זַיין רֶבִּי נָתָן אוּן הָאט אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן דֶעם סֵפֶר 'לִקּוּטֵי עֵצוֹת הֶחָדָשׁ', אַ פַארְקֶערְצֶערוּנְג פוּן אַלֶע סְפָרִים פוּן לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת, דֶעם סֵפֶר הָאט עֶר גֶערוּפְן "אוֹצַר הַיִּרְאָה" דָאס אִיז פִיר/פִינְף בֶּענְדֶער צוּטֵיילְט לוֹיט מִדּוֹת אוּן לוֹיט די זְמַנִּים פוּן יָאר.



## דעם רבינ'ס משלים

המשך פון די לעצטע זייט

הָאט דֶער קֶענִיג גֶעזָאגְט: "פַארְן דְרִיטְן קוּמְט די בֶּעסְטֶע שְׂכַר, וַוייל עֶר אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען פַארְכַאפְּט אִין זֵייעֶר נֶעץ, עֶר וָואלְט דָאךְ אוֹיךְ גֶעקֶענְט בַּייְשְׁטֵיין אַז מֶען זָאל אִים נִישְׁט כַאפְּן, עֶס הָאט אִים אָבֶער קַיין סַךְ נִישְׁט גֶעהָאלְפְן מֶען הָאט אִים גֶעכַאפְּט. עֶר אִיז אַרִיבֶּער אַזֶעלְכֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת פוּן צָרוֹת אוּן פֵּיין אוּן מִיט-דֶעם-אַלֶעם אִיז עֶר גֶעבְּלִיבְּן שְׁטַארְק אוּן גָארְנִישְׁט אַנְטְפְּלֶעקְט, דֶערִיבֶּער קוּמְט אִים די גְרֶעסְטֶע בַּאלוֹינוּנְג, מֶען פוּן אַלֶע."

(דֶער נִמְשָׁל אִיז אַבִּיסְל פַארְשְׁטֶענְדְלִיךְ פַאר די וָואס פַארְשְׁטֵייעֶן)

(שבחי הר"ן ל"ו)

**הגליון נתנדב ע"י הר"ר אברהם וועבערמאן הי"ו**
**לרגל הולדת בתו למזל טוב**

# א שפאציר צופיס פון
# באַרדיטשוב
# קיין אומאן



ר' יַעֲקֹב שְׁנַיידֶער פוּן בַּארְדִיטְשׁוּב, בַּאקַאנְט אַלְס ר' יַעֲקֹב צְבִי פִּילְמֶער זַ"ל, אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי חָשׁוּבֶ'ע בְּרֶסְלֶבֶ'ע חֲסִידִים אִין שְׁטָאט בַּארְדִיטְשׁוּב, עֶר אִיז גֶעבּוֹירְן אִין יָאר תרל"ב, בְּעֵרֶךְ הוּנְדֶערְט פוּפְצִיג יָאר צוּרִיק, ר' יַעֲקֹב אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד פִיל מִיט בֶּענְקֶענִישְׁן צוּם בַּאשֶׁעפֶער אַז פוּן גְרוֹיס בֶּענְקְשַׁאפְט פְלֶעגְט אִים רִינֶען טְרֶערְן פוּן דִי אוֹיגְן מִיט הִשְׁתּוֹקְקוּת צוּם בַּאשֶׁעפֶער.

עֶר אִיז אִין דִי אִינְגֶע יָארְן אַרוּמְגֶעפָארְן צוּ וַוייטֶע שְׁטֶעט, בַּאזוּכְן הוֹיפְן אוּן חֲצֵרִים פוּן צַדִּיקִים אוּן עֶרְלִיכֶע אִידְן, עֶר פְלֶעגְט אַרַיינְגֵיין אִין פַארְשִׁידֶענֶע שׁוּלְן צוּ זוּכְן, אֶפְשַׁר וֶועט עֶר זִיךְ אָנְפִילְן מִיט נַייעֶ עֵצוֹת פַאר זַיין דָארְשְׁטִיגֶע זֶעל אוּן טְרֶעפְן אַ וֶועג אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם. דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט צוּגֶעזֶען זַיינֶע אֶמֶתֶ'ע גְלוּסְטֶענִישְׁן אוּן ר' יַעֲקֹב הָאט זִיךְ אָנְגֶעטְרָאפְן מִיט דִי סְפָרִים אוּן לַייט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן דַאן אִיז עֶר גֶעפָארְן קַיין אוּמַאן זִיךְ אוֹיסְגִיסְן מִיט תְּפִלָּה אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְס צִיּוּן אוּן דָארְט הָאט עֶר טַאקֶע גֶעטְרָאפְן אַ לֶעזוּנְג פַאר זַיינֶע זוּכֶערַייעֶן.

אֵיין טָאג וֶוען ר' יַעֲקֹב הָאט בַּאקוּמֶען אַ רוּף אַז עֶר דַארְף זִיךְ שְׁטֶעלְן אַלְס אַ זֶעלְנֶער צוּ דִי רוּסִישֶׁע מִילִיטֶער, הָאט עֶר בִּתְמִימוּת אוֹיסְגֶעפָאלְגְט דִי עֵצָה וָואס דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט אִין סֵפֶר הַמִּדּוֹת (מריבה ח"ב כד): "סְגֻלָּה לְהִנָּצֵל מִשּׂוֹנְאִים, הֵן שׂוֹנְאִים שֶׁל מַחֲלֹקֶת הֵן שׂוֹנְאִים שֶׁבַּדֶּרֶךְ, שֶׁמִּתְיָרֵא מֵהֶם, לוֹמַר כָּל הַטְּעָמִים שֶׁבַּתּוֹרָה, דְּהַיְנוּ פַּשְׁטָא מֻנַּח זַרְקָא וְכוּ'. " אַ סְגוּלָה צוּ וֶוערְן גֶערַאטֶעוֶועט פוּן פַּיינְט, סַיי שׂוֹנְאִים פוּן מַחֲלוֹקֶת אָדֶער אַז מֶען הָאט מוֹרָא פוּן שׂוֹנְאִים אִיבֶּער דִי וֶועגְן, זָאל מֶען זָאגְן אַלֶע טְעָמִים פוּן דִי תּוֹרָה, פַּשְׁטָא, מֻנָּח, זַרְקָא א.א.וו". אוּן וואוּנְדֶער אִיבֶּער וואוּנְדֶער, וֶוען דִי אוֹיפְזֶעעֶר אִין דִי רוּסִישֶׁע מִילִיטֶער הָאבְּן אִים אִיבֶּערְגֶעקוּקְט אוֹיבּ עֶר אִיז גֶעזוּנְט צוּ זַיין אַ זֶעלְנֶער, טְרָאץ וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, הָאבְּן זֵיי אִים אוֹיפְן אָרְט בַּאפְרַייט אוּן גֶעלָאזְט אַהֵיימְגֵיין.

בײנאַכט פְלעגט ר׳ יַעֲקֹב גײן צום צִיּוּן פון רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק מִבַּארְדִיטְשׁוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, פְלִינק איז ער אַריבערגעשפּרינגען דעם צוים וואס נעמט אַרום דעם בֵּית הַקְּבָרוֹת גְלַײך צום הײליגן צִיּוּן, בײם שײן פון אַ שוואַכן ליכט פלעגט ער זיך אויסגיסן דאס הארץ מיט תִּיקּוּן חֲצוֹת און הִתְבּוֹדְדוּת, ער פְלעגט שטײן בײם צִיּוּן און געבן אײן קרעכץ נאכן צווייטן, ביז ער פלעגט אויסברעכן אין אַ געוויין און פארגאסן טייכן טרערן. אַ לענגערע צײט פלעגט ער לערנען בְּחַבְרוּתָא מיט ר׳ בִּנְיָמִין פארבער (אלס פרנסה איז ער געווען א פארבער), בײם צִיּוּן פון הייליגן באַרדיטשובע׳ר רב, ווען עס איז געוואָרן שטאָק פינסטער און זיי האָבן מורא געהאַט אַז זיי וועלן אַנטשלאָפן ווערן, פלעגן זיי אַריינשטעקן ליכט צווישן די פינגער און אַזוי געלערנט ביז אין די שפּעטע נאכט שעה׳ן.

ר׳ יַעֲקֹב פון גרויס בענקשאַפט צום הייליגן רבי׳ן פלעגט ער אַסאַך מאָל גיין צופוס קיין אומאַן זיך צו מִשְׁתַּטֵּחַ זיין בײם צִיּוּן פון רבי׳ן.

אין יאָר תרס״ה איז ר׳ יַעֲקֹב אַרויף קיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, ווען ער לאָזט איבער אין באַרדיטשוב זיין גאַנצע שניידעריי פאַבריק. ער האָט זיך באַזעצט אין יְרוּשָׁלַיִם, און ווי מיר זען אַ בְּרִיוו פון ר׳ שְׁמוּאֵל הֶעשִׁיל פְרִידמאַן: ״דינסטאָג פָּרָשַׁת שְׁמוֹת... היינט איז געקומען קיין יְרוּשָׁלַיִם אונזער יְדִיד ר׳ יַעֲקֹב דער שניידער נ״י פון באַרדיטשוב, ער האָט געגעסן ביי מיר פרישטאָג״.

ר׳ יַעֲקֹב האָט אַמאָל באַגעגנט רֶבִּי יִשְׂרָאֵל קאַרדונער, ווען דאָס פָּנִים פון ר׳ יִשְׂרָאֵל איז רויט פאַרוויינט, צום וואונדער פון ר׳ יַעֲקֹב וואס דאָס באַדייט, האָט ר׳ יִשְׂרָאֵל זיך אויסגעגאָסן זיין האַרץ, אַז צוויי אידישע קינדער פון גאָר אָרימע שטיבער זענען פאַרכאַפּט געוואָרן ביי די מיסיאָנער (קריסטליכע גלויבן), און עס פאַרלאַנגט זיך אַן אומגעהויערע סומע געלט זיי צו ראַטעווען, ״איך פאַרמאָג אָבער נישט אַזעלכע סכומים״ האָט ר׳ יִשְׂרָאֵל זיך אויסגערעדט זיין האַרץ: ״דעריבער האָב איך געוויינט צום באַשעפער, ער זאָל מיר צושיקן דעם סכום, זיי אויסצולייזן״.

עס האָט אָנגעכאַפּט פאַר ר׳ יַעֲקֹב אַ ברען, אַן אֵשׁ קוֹדֶשׁ, טראַץ וואס ער אַליין איז געווען אַ גרויסער אָרימאַן, פלעגט ער אָבער דורכאויס די יאָר זאַמלען פְּרוּטָה נאָך פְּרוּטָה פאַר זיין נְסִיעָה קיין אומאַן. דאָס איז געווען איינגעפירט ביי אונזערע לייט אָפּצושפּאָרן דאָס ביסן פון מויל און אַוועקלייגן פאַר דער נְסִיעָה צום הייליגן רבי׳נס צִיּוּן, איין מאָל אין פיר יאָר האָט זיך אים געדעקט די פולע קאָסטן פון די אָפּגעשפּאָרטע געלט״.

ר׳ יַעֲקֹב נעמט דאָס גאַנצע סכום אָפּגעשפּאָרטע געלט און גיבט דאָס גלייך איבער, ווען ר׳ יִשְׂרָאֵל איז גלייך געלאָפן איבערגליקליך צו קענען אויסלייזן די אָרימע קינדער.

# אַלֶע קִינְדֶער הֶערְן זִיךְ אַיין דֶעם רֶבִּינְ׳ס תּוֹרָה דִי וָואךְ אִין שׁוּל



זֶעקְס מָאל אַ יָאר פְלֶעגְט דֶער רֶבִּי זָאגְן תּוֹרָה: שַׁבָּת חֲנוּכָּה, אוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, שַׁבָּת נַחֲמוּ, שַׁבָּת שִׁירָה, שָׁבוּעוֹת ־ אוּן נָאךְ אֵיין שַׁבָּת. ווִי עֶס זֶעט אוֹיס אִיז עֶס גַאנְץ אָפְט גֶעוֶוען שַׁבָּת וֶוען מֶען לֵיינְט פַּרְשַׁת שְׁקָלִים, וָואס דַאן פְלֶעגְט דֶער רֶבִּי פָארְן קַיין טֶעפְּלִיק.

אִין חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן וואוּ עֶס וֶוערְט אוֹיסְגֶערֶעכְנְט שְׁטֵייט נִישְׁט ־ נָאר שַׁבָּת שִׁירָה אוּן שַׁבָּת נַחֲמוּ, דָארְט שְׁטֵייט טַאקֶע נִישְׁט שַׁבָּת שְׁקָלִים אָבֶּער רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק בֶּענְדֶער עָלָיו הַשָּׁלוֹם הָאט גֶעזָאגְט אַז בַּיי רֶבִּי נָתָן פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג אוֹיסְקוּמֶען, אַז פַאר פּוּרִים צַייט אִיז עֶר גֶעוֶוען אִין טְשֶׁעהְרִין . אוּן פּוּרִים הָאט עֶר שׁוֹין גֶעהַאלְטְן אִין שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב, בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּב. נָאר אֵיינְמָאל אִיז גֶעוֶוען וָואס עֶר הָאט גֶעהַאלְטְן פּוּרִים אִין טְשֶׁעהְרִין. רֶבִּי נָתָן הָאט דָאךְ גֶעדַארְפְט נָאכְטוּן דֶעם רֶבִּי׳ן צוּ פָארְן צוּ דִי תַּלְמִידִים אוֹיף דִי שַׁבָּתִים . אִיז פוּן דֶעם לֶערְנְט מֶען אַרוֹיס, אַז פַּרְשַׁת שְׁקָלִים אִיז גֶעוֶוען נָאךְ אַ שַׁבָּת וָואס דֶער שַׁבָּת אִיז אוֹיךְ דֶער רֶבִּי גֶעפָארְן צוּ דִי תַּלְמִידִים. (לוֹיט טַעַם זְקֵנִים)

דָאס מֵיינְט פַאר אוּנְז אַז מֶען דַארְף זִיךְ בֶּעסֶער אַיינְהֶערְן דֶעם רֶבִּי׳נְס דִיבּוּרִים דִי וָואךְ, לֶערְנֶען אַבִּיסֶעלֶע סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת אָדֶער אַנְדֶערֶע קְלֵיינֶע סְפָרִים פוּן רֶבִּי׳ן אוּן ר׳ נָתָן, בִּפְרָט אַזַא וָואךְ וֶוען דֶער רֶבִּי קוּמְט צוּ אוּנְז חֲסִידִים אוּן וֶועט אוּנְז בַּאנַייעֶן מִיט אַ פְּרִישֶׁע הִתְחַדְּשׁוּת, אוּן מִיר לֵיינֶען אוֹיךְ אִין דִי סֶדְרָה דֶער פָּסוּק פוּן וַיַּקְהֵל מֹשֶׁה, דֶער גְרוֹיסֶער צַדִּיק זַאמְלְט אַיין דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן רֶעדְט צוּ זֵיי, וֶועלְן מִיר אַלֶע קוּמֶען אוּנְטֶער דֶעם שָׁאטְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן דוּרְךְ זִיךְ אוֹיפְפְרִישְׁן מִיט זַיינֶע לִיכְטִיגֶע עֵצוֹת אוּן סְפָרִים אוּן מִיר וֶועלְן זוֹכֶה זַיין צוּ אַ בַּאנַייאוּנְג אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם.

## בַּאפְרַייט גֶעוָוארְן שַׁבָּת פַּרְשַׁת שְׁקָלִים

ווִי בַּאוואוּסְט אִיז ר׳ לֵוִי יִצְחָק בֶּענְדֶער זַ״ל אִינְאֵיינֶעם מִיט ר׳ אֵלִיָּהוּ חַיִּים רָאזֶען זַ״ל גֶעזֶעסְן אִין רוּסִישֶׁע תְּפִיסָה מֶשֶׁךְ פוּפְצְן וָואכְן, זֵיי זֶענֶען אַרוֹיס אוֹיף דֶער פְרַייִ שַׁבָּת פַּרְשַׁת שְׁקָלִים, יָאר תרצ״ו. אַרוּם דֶעם אִיז גֶעוֶוען אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע מַעֲשֶׂה, אַז גְלַייךְ נָאכְן זֵיי אַיינְזֶעצְן אִין תְּפִיסָה הָאט ר׳ נָתָן בַּ״ר שַׁכְנָא * גֶעזָאגְט צוּ זַיין טַאטֶע: ״דוּ וֶועסְט זֶען אַז שַׁבָּת שְׁקָלִים וֶועלְן זֵיי אַרוֹיסְגֵיין פְרַייִ! עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גֶעלֶעכְטֶער אִין זַיין טַאטֶעס אוֹיגְן, פוּן וואוּ נֶעמְט עֶר מִיט אַזַא זִיכֶערְקַייט צוּ זָאגְן אַזַא פִּינְקְטְלִיכֶע צַייט וֶוען מֶען וֶועט זֵיי בַּאפְרֵייעֶן?

דָאנֶערְשְׁטָאג נַאכְט פַאר שַׁבָּת שְׁקָלִים, הָאט זַיין טַאטֶע אִים גֶעטְשֶׁעפֶּעט זָאגְנְדִיג: ״זֶע ווִי דִי רֶעדְסְט נַארִישְׁקַייטְן, זֵיי זִיצְן נָאךְ אִין תְּפִיסָה פֶעסְט פַארְשְׁפַּארְט!״. הַארְט פַאר בֵּין הַשְּׁמָשׁוֹת אִיז אַרוֹיס דִי גוּטֶע בְּשׂוֹרָה אַז זֵיי זֶענֶען בַּאפְרַייט גֶעוָוארְן, אוּן עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ פֶּלֶא פוּן וואוּ ר׳ נָתָן הָאט גֶעוואוּסְט דֶער זַאךְ!

* ב"ר נפתלי הירץ אבי רבי אברהם סופר שטערנהארץ. רבי שכנא ורבי אברהם היו אחים מאב אחד ולא מאם אחת, אמו של רבי שכנא היתה בתו של רבי שמשון מהיער.

# סיפורי מעשיות מעשה י' - דער בערגער און דער ארימאן

מַעֲשֶׂה: אַמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ 'בֶּערְגֶער' (דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶער 'סוֹחֵר') – עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער 'עוֹשֶׁר' – עֶר הָאט גֶעהַאט זֵייעֶר אַסַאךְ 'סְחוֹרוֹת' – אוּן זַיינֶע 'וֶועקְסְלְךְ' [שְׁטָרוֹת] אוּן זַיינֶע 'בְּרִיוְו', זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אוֹיף דֶער 'וֶועלְט' – אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט 'כָּל־טוּב'.

נִידְרִיגֶער פוּן אִים [אוּנְטֶער זַיין הוֹיז], הָאט גֶעווּאוֹינְט אַ 'אָרִימַאן' – וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער 'אָרִימַאן' – אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט גָאר דֶעם הֵיפֶּךְ פוּן דֶעם 'בֶּערְגֶער' (דְהַיְינוּ: גָאר פַארְקֶערְט – אַזוֹי־וִוי דֶער 'בֶּערְגֶער' אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער 'עוֹשֶׁר', אַזוֹי אִיז עֶר גֶעוֶוען פַארְקֶערְט, אַ גְרוֹיסֶער 'אָרִימַאן').

אוּן דִי בֵּיידֶע – הָאבְּן קַיין קִינְדֶער נִישְׁט גֶעהַאט – דֶער 'בֶּערְגֶער', הָאט קַיין 'קִינְדֶער' נִישְׁט גֶעהַאט – אוּן אַזוֹי דֶער 'אָרִימַאן', הָאט אוֹיךְ קַיין קִינְדֶער נִישְׁט גֶעהַאט.

אַמָאל הָאט זִיךְ גֶעחָלוֹמְ'ט דֶעם 'בֶּערְגֶער': "אַז סְ'זֶענֶען גֶעקוּמֶען 'מֶענְטְשְׁן' – אוּן הָאבְּן גֶעמַאכְט 'פַּאקְן' 'פַּאקְן' [פֶּעקְלֶעךְ]"! הָאט עֶר זֵיי גֶעפְרֶעגְט: "וָואס טוּט אִיר"? הָאבְּן זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "זֵיי וִוילְן דָאס אִינְגַאנְצְן אַוֶועקְטְרָאגְן, אָט צוּ דֶעם 'אָרִימַאן' (דְהַיְינוּ: [צוּ דֶעם 'אָרִימַאן' וָואס עֶר הָאט אוּנְטֶער אִים גֶעווּאוֹינְט, כַּנַ"ל)"!

הָאט עֶס אִים זֵייעֶר פַארְדְרָאסְן, אוּן עֶר אִיז זֵייעֶר בְּרוֹגֶז גֶעוֶוען, נָאךְ [אוֹיף] וָואס זֵיי וִוילְן זַיין גַאנְץ 'עֲשִׁירוּת' אַוֶועקְטְרָאגְן צוּ דֶעם 'אָרִימַאן'. אוּן בֵּייזֶערְן זִיךְ, קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט – וָוארְן זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן. אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעמַאכְט 'פַּאקְן' 'פַּאקְן', פוּן גָאר זַיין 'פַארְמֶעגְנְס', פוּן אַלֶע זַיינֶע 'סְחוֹרוֹת', אוּן פוּן גָאר זַיין 'גוּטְס' – אוּן הָאבְּן עֶס גָאר אִינְגַאנְצְן אַוֶועקְגֶעטְרָאגְן צוּ דֶעם 'אָרִימַאן' הַנַ"ל [וָואס אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט] – אוּן זֵיי הָאבְּן בַּיי אִים גָאר נִישְׁט גֶעלָאזְט [אִיבֶּערְגֶעלָאזְט], נָאר דִי 'לֵיידִיגֶע וֶוענְט'! הָאט עֶס אִים זֵייעֶר גֶעאַרְט.

דֶערְוַוייל הָאט עֶר זִיךְ אוֹיפְגֶעכַאפְּט – הָאט עֶר גֶעזֶעהְן: "אַז סְ'אִיז [נָאר] אַ 'חָלוֹם'"!

אוּן כָאטְשֶׁע עֶר הָאט גֶעזֶעהְן, אַז סְ'אִיז נָאר אַ 'חָלוֹם' – אוּן סְ'אִיז בָּרוּךְ־הַשֵּׁם בַּיי אִים [גֶעבְּלִיבְּן] זַיין 'פַארְמֶעגְנְס' אִינְגַאנְצְן – פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן פָארְט, הָאט אִים דָאס 'הַארְץ' זֵייעֶר גֶעקְלַאפְּערְט – אוּן סְ'הָאט אִים זֵייעֶר גֶעאַרְט דָאס 'חָלוֹם' – אוּן סְ'הָאט אִים נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרוֹיס פוּן דֶעם זִין [גֶעדַאנְק], דֶער 'חָלוֹם'.

אוּן דֶער 'אָרִימַאן' (הַנַ"ל [וָואס אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]) מִיט זַיין 'וַוייבּ' – פְּלֶעגְט דֶער 'בֶּערְגֶער' פְּרִיעֶר אוֹיךְ הַשְׁגָחָה גֶעבְּן אוֹיף זֵיי – אוּן פְּלֶעגְט זֵיי אָפְּט צוּ גֶעבְּן [גֶעלְט] – אוּן הַיינְט נָאךְ דֶעם 'חָלוֹם' – הָאט עֶר אוֹיף זֵיי מֶער הַשְׁגָחָה גֶעגֶעבְּן, אֵיידֶער [מֶער פוּן] פְּרִיעֶר.

נָאר וֶוען זֵיי פְּלֶעגְן צוּ אִים אַרַיינְצוּקוּמֶען – דֶער 'אָרִימַאן', אָדֶער זַיין 'וַוייבּ' – פְּלֶעגְט אִים דָאס 'פָּנִים' נִשְׁתַּנֶה וֶוערְן (דְהַיְינוּ: פַארְעֶנְדֶערְט גֶעוָוארְן) – אוּן עֶר אִיז פַאר זֵיי דֶערְשְׁרָאקְן גֶעוָוארְן – מַחֲמַת [וַוייל] עֶר פְּלֶעגְט זִיךְ דֶערְמַאנֶען דֶעם 'חָלוֹם'. אוּן זֵיי – דְהַיְינוּ: דֶער 'אָרִימַאן' מִיט זַיין 'וַוייבּ' – פְּלֶעגְן אָפְּט צוּ אִים אַרַיינְצוּגֵיין – אוּן זֵיי זֶענֶען בַּיי אִים אָפְּט גֶעוֶוען.

אַמָאל אִיז צוּ אִים אַרַיינְגֶעקוּמֶען, דֶעם 'אָרִימַאנְ'ס' 'וַוייבּ' – הָאט עֶר אִיר גֶעגֶעבְּן, וָואס עֶר הָאט אִיר גֶעגֶעבְּן – אוּן זַיין 'צוּרָה' אִיז אִים

נִשְׁתַּנֶה גֶעוָואָרְן, אוּן עֶר אִיז זַייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן גֶעוָואָרְן – הָאט זִי אִים גֶעפְרֶעגְט, אוּן הָאט צוּ אִים גֶעזָאגְט: ״אִיךְ בֶּעט אִיבֶּער אֵייעֶר ׳כָּבוֹד׳ – זָאגְט מִיר, וָואס אִיז דָאס, אַז וֶוען מִיר קוּמֶען צוּ אַייךְ, וֶוערְט אֵייעֶר ׳פָּנִים׳ זַייעֶר פַארְעֶנְדֶערְט״?

הָאט עֶר אִיר דֶערְצֵיילְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה: ״בַּאֲשֶׁר [אַז] סְ׳הָאט זִיךְ אִים אַזוֹי גֶעחָלוֹמְ׳ט (כַּנַ״ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]) – אוּן זִינְט דֶעמָאלְט אָן, קְלַאפֶּערְט אִים דָאס ׳הַארְץ׳ זַייעֶר (כַּנַ״ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט])״!

הָאט זִי אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״אִיז דֶער ׳חָלוֹם׳ נִישְׁט גֶעוֶוען אִין דֶער־אוּן־דֶער נַאכְט (וָואס זִי הָאט אִים גֶעזָאגְט)״? – עֶנְטְפֶערְט עֶר אִיר: ״יָא״!

״וָואס אִיז דֶען״? עֶנְטְפֶערְט זִי אִים – אִין דֶער [זֶעלְבֶּער] נַאכְט, הָאט זִיךְ מִיר אוֹיךְ גֶעחָלוֹמְ׳ט: ״אַז אִיךְ בִּין אַ גְרוֹיסֶע ׳עֲשִׁירַת׳ [עוֹשֶׁרְ׳טֶע] – אוּן סְ׳זֶענֶען גֶעקוּמֶען ׳מֶענְטְשְׁן׳ צוּ מִיר אִין ׳שְׁטוּבּ׳ אַרַיין – אוּן הָאבְּן גֶעמַאכְט ׳פַּאקְן׳ פַּאקְן״ – הָאבּ אִיךְ זֵיי גֶעפְרֶעגְט: ״ווָאוּהִין ווִילְט אִיר דָאס טְרָאגְן״? – הָאבְּן זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״צוּ דֶעם ׳אָרִימַאן״״ (דְהַיְינוּ: צוּם ׳בֶּערְגֶער׳, וָואס זֵיי רוּפְן אִים שׁוֹין הַיינְט ׳אָרִימַאן׳)! – בְּכֵן [דֶערִיבֶּער], וָואס קוּקְסְטוּ אוֹיף אַ ׳חָלוֹם׳ – אַלְמַיי [נוּ] מִיר הָאט זִיךְ אוֹיךְ גֶעחָלוֹמְ׳ט״.

אוּן דֶער ׳בֶּערְגֶער׳ – אִיז הַיינְט נָאכְמֶער דֶערְשְׁרָאקְן גֶעוָואָרְן, אוּן אִיז פַארְטוּמְלְט גֶעוָואָרְן – וַוייל עֶר הָאט דֶערְהֶערְט אִיר ׳חָלוֹם׳ אוֹיךְ – וָוארְן עֶס וַוייזְט עֶפֶּעס אוֹיס, אַז מֶען זָאל אִיבֶּערְטְרָאגְן [אַרִיבֶּערְטְרָאגְן] זַיין ׳עֲשִׁירוּת׳, מִיט זַיין ׳גוּטְס׳, צוּם ׳אָרִימַאן׳ – אוּן דֶעם ׳אָרִימַאנְ׳ס דַלוּת׳ [אָרִימְקַייט], זָאל מֶען [צוּ] אִים אִיבֶּערְטְרָאגְן – אִיז עֶר זַייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן גֶעוָואָרְן.

וַיְהִי הַיּוֹם – אִיז דִי ׳בֶּערְגֶערְן׳ [דִי ׳פְרוֹי׳ פוּנֶעם ׳בֶּערְגֶער׳], גֶעפָארְן שְׁפַּאצִירְן זִיךְ מִיט אַ ׳קַארֶעטֶע׳ [פַארְמַאכְטֶע וָואגְן] – אוּן זִי הָאט מִיטְגֶענוּמֶען מִיט זִיךְ נָאךְ ׳וַוייבֶּער׳ – אוּן דֶעם ׳אָרִימַאנְ׳ס וַוייבּ׳, הָאט זִי אוֹיךְ מִיטְגֶענוּמֶען – אוּן זֶענֶען גֶעפָארְן [אוֹיף] אַ ׳שְׁפַּאצִיר׳.

דֶערְוַוייל אִיז דוּרְכְגֶעפָארְן אַ ׳יֶעדְנִירַאל׳ [גֶענֶערַאל], מִיט זַיין ׳חַיִל׳ [מִילִיטֶער] – הָאבְּן זֵיי אִים אָפְּגֶעטְרֶעטְן פוּן דֶעם ׳וֶועג׳ [זִיךְ אַוֶועקְגֶערוּקְט אִין זַייט] – אִיז דָאס ׳חַיִל׳ דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען. אָט דֶער ׳יֶעדְנִירַאל׳ גֶעזֶעהְן: ״אַז סְ׳פָארְן ׳וַוייבֶּער״״ – הָאט עֶר גֶעהֵייסְן: ״אַז מְ׳זָאל אַרוֹיסְנֶעמֶען אֵיינֶע פוּן זֵיי״!

זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאבְּן אַרוֹיסְגֶענוּמֶען דֶעם ׳אָרִימַאנְ׳ס וַוייבּ׳ – אוּן זֵיי הָאבְּן זִי אַרַיינְגֶעכַאפְּט אִין דֶעם ׳יֶעדְנִירַאלְ׳ס קַארֶעטֶע׳ – אוּן זֶענֶען מִיט אִיר אַוֶועקְגֶעפָארְן! צוּרִיקְנֶעמֶען, קֶען מֶען שׁוֹין אַוַודְאַי נִישְׁט – וָוארְן עֶר אִיז וַוייטֶער אַוֶועקְגֶעפָארְן – בִּפְרַט אַ ׳יֶעדְנִירַאל׳ מִיט זַיין ׳חַיִל׳.

אוּן דֶער ׳יֶעדְנִירַאל׳ הָאט זִי גֶענוּמֶען – אוּן אִיז מִיט אִיר גֶעפָארְן אִין זַיין ׳מְדִינָה׳ אַרַיין! אוּן זִי אִיז גֶעוֶוען אַ ׳יִרְאַת־שָׁמַיִם׳ (דְהַיְינוּ: זִי הָאט מוֹרָא גֶעהַאט פַאר ׳גָאט׳) – אוּן זִי הָאט אִים גָארְנִישְׁט גֶעוָואלְט צוּהֶערְן – אוּן זִי הָאט זַייעֶר גֶעוֵויינְט – אוּן מֶען הָאט זִי זַייעֶר גֶעבֶּעטְן, אוּן מְ׳הָאט זִי אָנְגֶערֶעדְט – אוּן זִי אִיז אָבֶּער גֶעוֶוען זַייעֶר אַ גְרוֹיסֶע ׳יִרְאַת־שָׁמַיִם׳.

אוּן זֵיי (דְהַיְינוּ: דִי ׳בֶּערְגֶערְן׳ מִיט דִי ׳אִיבְּרִיגֶע וַוייבֶּער׳) הָאבְּן זִיךְ אוּמְגֶעקֶערְט פוּן דֶעם ׳שְׁפַּאצִירְן׳ – אוּן דֶעם ׳אָרִימַאנְ׳ס וַוייבּ׳ אִיז נִישְׁט דָא – הָאט דֶער ׳אָרִימַאן׳ זַייעֶר גֶעוֵויינְט – אוּן הָאט זִיךְ גֶעשְׁלָאגְן ׳קָאפּ׳ אִין דֶער ׳וַואנְט׳ – אוּן הָאט תָּמִיד זַייעֶר גֶעטְרוֹיעֶרְט אוֹיף זַיין ׳וַוייבּ׳!

:pe ____________________

# לאמיר זיך פארהערן



## די צענטע מעשה - דער בערגיר מיטן אָרימאַן (1)

**א. וואס איז דער בערגיר געווען?**
- ☐ א עושר.
- ☐ א גרויסער עושר.
- ☐ זייער א גרויסער עושר.

**ב. וואס איז געווען דער שכן וואס האט געוואוינט נידריגער פון אים?**
- ☐ א עושר.
- ☐ א ארימאן.
- ☐ זייער א גרויסער ארימאן.

**ג. וואס איז געשעהן צום בערגער נאכן חלום?**
- ☐ זיין הארץ האט אים זייער געקלאפערט.
- ☐ ס'האט אים זייער געארט.
- ☐ביידע תשובות זענען ריכטיג.

**ד. וואס האט פאסירט מיטן בערגיר ווען דער ארימאן און זיין ווייב פלעגן קומען צו אים?**
- ☐ זיין פנים פלעגט פארענדערט (אנדערש) ווערן.
- ☐ ער איז דערשראקן געווארן.
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג.

**ה. וואס האט געחלומ'ט די ווייב פון ארימאן?**
- ☐ אז זיא איז ארים און עס קומען מענטשן און מאכן פאקן פאקן.
- ☐ אז זי איז א גרויסע עשירה (עשירות'טע) און עס קומען מענטשן און מאכן פאקן פאקן.
- ☐ אז ס'זענען געקומען מענטשן און געמאכט פאקן פאקן.

**ו. וואס איז געשעהן צום בערגיר נאך וואס די ווייב פון ארימאן האט דערציילט איר חלום?**
- ☐ ער איז געפאלן חלשות.
- ☐ ער איז נאך מער דערשראקן געווארן און ער איז פארטומלט געווארן .
- ☐ ער איז געווארן קראנק.

**ז. ווער האט די ווייב פונעם בערגיר גענומען צו שפאצירן?**
- ☐ נאך ווייבער.
- ☐ דעם ארימאנ'ס ווייב.
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג.

**ח. ווער האט מען ארויסגענומען פון וואגן צום יעדנירן?**
- ☐ די ווייב פון בערגיר.
- ☐ די ווייב פון ארימאן.
- ☐ איינע פון אירע חבר'טעס.

**ט.** האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?
- ☐ יא
- ☐ ניין
- ☐ א חלק

### סיפורי מעשיות

**אין וועלכע מעשה נאך, פון סיפורי מעשיות ווערט דערמאנט א "חלום" ?**



**תשובות פון פאריגע וואך:**

**וואס האט א קשר די מעשה צו פורים ? רמזי המעשה:** עַל זֶה הַמַּעֲשֶׂה נֶאֶמְרָה הַתּוֹרָה (עַיֵּן לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן י"ט) הַמְדַבֶּרֶת מֵחָכְמוֹת וּתְמִימוּת, שֶׁעִקַּר הַשְּׁלֵמוּת הוּא רַק תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, וְעִנְיַן עֲמָלֵק, שֶׁהָיָה חָכָם וְכָפַר בָּעִקָּר וְכוּ'.

**דער געווינער פון חכם ותם #7 איז: הילד החשוב נתן שפיגל, ירושלים. מען קען באקומען א מתנה ביים משגיח אין חדר ברסלב ירושלים ר' משה געפנער הי"ו**

**צו ענטפערן די בחינות און ארייגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72 646-585-3040**



# דעם רבינ'ס משלים

## דְרַיי מֶענְטְשְׁן מִיט אַ סוֹד פוּנֶעם קֶעניִג

אַ קֶעניִג הָאט אַמָאל גֶעשִׁיקְט דְרַיי פוּן זַיינֶע מֶענְטְשְׁן זָאלְן אַרִיבֶּערְפִירְן אַ סוֹד פַאר אַ צְוֵוייטְן קֶעניִג. אוֹיפְן וֶועג זֶענֶען דִי דְרַיי גֶעפָארְן אִיבֶּער לֶענְדֶער וָואס דָארְט הָאט מֶען זִיךְ גֶעקְרִיגְט אוֹיפְן קֶעניִג.

דֶער עֶרְשְׁטֶער הָאט זִיךְ גֶעפִירְט מִיט קְלוּגְשַׁאפְט, עֶר הָאט גֶעהַאלְטְן דֶעם סוֹד פַאר אַ סוֹד אוּן אִיז בְּשָׁלוֹם אַרִיבֶּער דִי לַאנְד, מֶען הָאט בִּכְלַל נִישְׁט בַּאמֶערְקְט אַז עֶר הָאט בַּיי זִיךְ עֶפֶּעס אַ בַּאהַאלְטֶענֶעם זַאךְ.

דֶער צְוֵוייטֶער אִיז אוֹיךְ אַרִיבֶּער גֶעפָארְן דִי לַאנְד, אוּן דִי חֶבְרָה דָארְט הָאבְּן אִים גֶעכַאפְּט בַּיי דִי מַעֲשֶׂה, זַיי הָאבְּן פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶר הָאט עֶפֶּעס אַ בַּאהַאלְטֶענֶעם סוֹד מִיט זִיךְ, הָאבְּן זַיי אִים גֶעכַאפְּט אוּן גֶעצְוִוינְגֶען עֶר זָאל זַיי אוֹיסְזָאגְן דֶעם סוֹד. עֶר הָאט זִיךְ אָבֶּער גֶעשְׁטַארְקְט אִיבֶּער זַיי מִיט חָכְמָה אָדֶער מִיט גְבוּרָה אוּן אַנְטְלָאפְן בַּאצַייטְנְס פוּן זַייעֶרֶע הֶענְט.

דֶער דְרִיטֶער אִיז אוֹיךְ אַרִיבֶּער אוּן גֶעכַאפְּט גֶעוָוארְן אוּן מֶען הָאט אוֹיךְ בַּיי אִים בַּאמֶערְקְט אַז עֶר הָאט מִיט זִיךְ עֶפֶּעס אַ בַּאהַאלְטֶענֶע זַאךְ. הָאבְּן זַיי אִים גֶעכַאפְּט אוּן גֶעפַּיינִיגְט מִיט אַלֶע סָארְטְן פַּיינוּנְגֶען, וִוי מֶער זַיי הָאבְּן אִים גֶעצַאפְּט דָאס בְּלוּט, הָאט עֶר זִיךְ נָאךְ מֶער גֶעהַאלְטְן פַארְמַאכְט דָאס מוֹיל אוּן נִישְׁט אַנְטְפְּלֶעקְט פַאר זַיי גָארְנִישְׁט. בִּיז דִי חֶבְרָה הָאבְּן גֶעזֶען אַז עֶס הֶעלְפְט זַיי גָארְנִישְׁט הָאבְּן זַיי אִים גֶעלָאזְט פְרַיי (טְרַאכְטְנְדִיג אַז מִן-הַסְתָם הָאט עֶר טַאקֶע גָארְנִישְׁט קַיין סוֹד) אַזוֹי אִיז עֶר אַרִיבֶּער צוּם צְוֵוייטְן קֶעניִג, אִיבֶּערְגֶעבְּנְדִיג זַיין שְׁלִיחוּת גֶעטְרַיי.

אִיז גֶעוָוארְן אַ חֲקִירָה פַארְוָועס פוּן דִי דְרַיי עֶס קוּמְט מֶער שְׂכַר. אַ טֵייל הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז דֶער עֶרְשְׁטֶער פַארְדִינְט דֶעם שְׂכַר ווייל עֶר הָאט מִיט קְלוּגְשַׁאפְט אַלֶעס בַּאהַאלְטְן מֶען זָאל אִים בִּכְלַל נִישְׁט כַאפְּן. אַ טֵייל הָאבְּן גֶע'טַעֲנֶה'ט, דֶעם צְוֵוייטְן קוּמְט זִיךְ מֶער ווייל מֶען הָאט אִים שׁוֹין גֶעכַאפְּט אוּן פָארְט אִיז עֶר אַנְטְלָאפְן מִיט זַיין חָכְמָה.

המשך אויף זייט 5

